# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

SUBSCRIPTION PRICE
50 CENTS A YEAR

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JULY-AUGUST, 1925.
VOL. VI, No. 11


## LYDIA MONTEFIORE

(Sister of Moses Montefiore)

In the story of the conversion of Lydia Montefiore, we have a thrilling record of God's dealing with the mind and heart of an elderly Jewish woman. She was brought up in an Orthodox family where she learned to keep all the ceremonies prescribed by the law of Moses. She was taught the duties of a Jewish woman and trained to firmly believe in the unity of God and the preeminence of the Jews. She traveled in America and parts of Europe after the death of her parents, finally in the later years of her life making her permanent home in Marseilles.

In March, 1854, Mr. J. P. Cohen, a missionary of the "British Society for the Propagation of the Gospel among the Jews," came to Marseilles and met Miss Montefiore. The friend who introduced the two told Mr. Cohen in advance, "you will find her an out-and-out Jewess and a great bigot." The conversation which took place proved the truth of this statement. The missionary and his wife were presented to Miss Montefiore with the words: "I have brought an Israelite, Mr. Cohen, and his wife to see you." After the ladies had talked for a while, Mr. Cohen, seeing a Bible upon a nearby table, remarked: "You read your Bible, I see." She assured him that it was her greatest comfort and Mr. Cohen turning to Isaiah 53, read it through, asking at the conclusion of the reading, for her opinion of the passage. She evaded him by asking for his opinion and he told her at once that he believed it to refer to the life and death of the Messiah, and that it was his conviction that this prophecy had been fulfilled in Jesus Christ. Upon discovery that Mr. Cohen was a Christian, Miss Montefiore became furiously angry and turning to the friend who had brought the missionary, she said: "I thought you told me they were Israelites." The friend answered, "So they are true Israelites." "I think," said Miss Montefiore, "It is most insulting to call on people and try to convert them from the faith of their fathers. Why not let every one remain in the religion in which they were born? I must tell you I am a thorough Jewess. I was born a Jewess, and I have lived 83 years as a Jewess and hope I shall die a Jewess." She then continued by stating that she could not understand how Christians could have the God of Abraham and not keep the law which He gave to Moses. She also asked, "If Christ has done away with the law of Moses, how can He be the Messiah?" Upon this the missionary replied that Jesus did not come to destroy but to fulfill the law; that He revealed the true meaning of the law. When he told her that God had promised to make a new covenant with the Jew and to write His law in their hearts, Miss Montefiore demanded where this might be found. It was not in her Bible, she said. Mr. Cohen then showed her Jer. 31:31—33. She was greatly interested and a long conversation followed. By the time the missionaries left she was calm and pleasant again, although she said: "I cannot understand how a Jew who believes in Jesus can still be an Israelite." This gave Mr. Cohen an opportunity to correct the erroneous idea which is held by so many Jews—that a Jew ceased to be a Jew when he becomes a Christian. He told her that the Lord Jesus was a Jew, and that His disciples and early followers were Jews and that it was not until the Jews refused to listen, that the Gospel was preached to the Gentiles. This made an impression upon Miss Montefiore and she invited her new friends to call again. Soon after this another visit was made and repentance was the main topic of conversation. Miss Montefiore thought of repentance as repeated sorrow for sin and the missionary pointed out to her that this was not sufficient, that there must be a turning away from sin, and that "without shedding of blood there is no remission." She was puzzled as to how sacrifice was to be made in the absence of priest and temple. "Surely," she said, "the Almighty will not require of us that which we cannot perform; He will mercifully accept our prayers, our fastings, our observance of the Sabbath and the reading of the law as I do daily, as a substitute for performing the law." Mr. Cohen endeavored to show her that she was building on an insecure foundation, and she was thoroughly aroused and unsettled concerning the whole matter.

Gradually, her whole attitude changed, her antagonism towards the Lord Jesus melted away, and her eagerness to know the truth increased. She desired to see the truth in the Bible and finally secured and read the New Testament. At about this time an epidemic of cholera broke out in Marseilles and the missionaries left the city for a few weeks. Upon their return, they were eagerly received by Miss Montefiore. God had been doing His work in her heart and when Mrs. Cohen called upon her just before the Day of Atonement, she was ready to say that she realized more than ever, that fasting and prayer were not sufficient for the atonement for sin. She said that she often repeated the words, "Lord, I believe, help Thou mine unbelief." Her attitude towards Jesus had so changed by now that with clasped hands she told Mrs. Cohen; "I'll tell you what I say to the Anointed One (Jesus, I mean), "If I have done or said anything against Thee, Pardon, oh pardon me, for I did it in ignorance."

Miss Montefiore had in England a niece who was a most earnest Christian. This niece had been constantly imploring her aunt to search her Bible had sent her literature and prayed for her aunt's salvation. For a long time there had been no response, but one day after a year's silence on the part of the aunt the niece was overjoyed to receive a letter which testified to Miss Montefiore's faith in Jesus. She said: "I have read 'The Book and its Story,' the missionary's aid for converting the blind and the stupid. I read it with much interest and I pray ardently it may bring the whole world to believe as I now do, that Jesus Christ, God's only begotten Son, was ordained to be crucified to take away all our sins, and that by believing in Him we shall be saved . . . but oh, how plainly and typically the Bible shows the coming of Messiah. Pray keep very secret the words of this letter."

She began to desire baptism and to talk about it. For some time a fear of man was uppermost and she felt that her baptism, must take place secretly.

As her love for Christ grew however her desire to confess Him also grew, and finally she was willing, even anxious that all her friends should know of the change which had taken place in her life. She openly confessed Christ as her Saviour in baptism on January 18, 1855.

---

איד פאַר דעם נציב עליון אין ירושלים.

אויך דאָ אין אַמעריקא האָבען מיסיאָנערען דורך זייער דרש'ענען אין קירכען און דורך דער פרעס אַ גרויסע ענדערונג געבראַכט אין דער שטעלונג פון גוים צו אידען מיט 25 יאָהר צוריק פלעגען אידען שרעקליך פאַרפאָלגט ווערען אין וויליאַמסבורג. זעהר אָפט האָט מען געקענט זעהן אַ איד אַריינלויפענדיג אין אַ דראָג־סטאָר פערוואונדעט פאַרבלוטיגט און צוקאַליטשעט.. מיר האָבען דאַמאָלס די סיטואַציע גענוי בעשריבען און דאָס צו געשיקט צום פּרעזידענט, צום גאָווערנאָר און צום מעיאָר, וועלכעס האָט געשאַפען אַ גרויסען סענטימענט געגען דיא הוליגאַנעס און אַזוינאָר האָבען די רוצחים זייער רציחה אָבגעלאָזט.

הלואי וואָלטען אידען אין רוסלאַנד פּוילען און רומעניען ניט געווען פאַרפאָלגט די מיסיאָנערן וואָלטען די מיסיאָנערן אויך דאָרט אויפגעטהון חדושים. אידען האָבען אָבער ליידער זיי תמיד גע'רודפ'ט און פאַרטריבען.

נאָט ב"ה האט אמאָל געזאָגט אויף'ן משיח: "ונתתיך לאור גוים", קיין פּאָליטיק, תקופות אדער אירגענד וועלכע אנדערע קינסטליכע ערפינדונגען קענען דעם גוי'שען האס אָבשוואכען נור אליין דאָס אור המשיח, ווייל ווען דאס "אור המשיח" קומט אין מענשליכען הערץ מוז די פינסטערנים פון דאָרט ארוים.

און דאס האט אונזער גרויסער איד געטהון אין כינא מיט'ן דרש'ענען דעם דבר ד' און מיט'ן איבערזעצען די הייליגע תורה אין דער מאנדארין שפּראַך. וועלכע האָט דאָרט אויפגעטהון פּלאי פּלאים. יהא זכרונו ברוך.



"בישאפ" שמואל יוסף שערעשעפסקי

המדרש, א רענסינג חאל, ווייל עס צאהלט זיך בעסער אוים.

אוי לעינים שכך רואות ואוי לאזנים שכך שומעות. - עס איז א מכה אשר לא כתובה בתורה, עס שמעקט מיט רוח הטומאה, מען מוז מאכען א "ויצעקו" בעקעמפפען די פאסקודנע מגפה, וואס געהט אז אין פיעל שוהלען."

ישוע המשיח האט מיט רעכט געזאגט צו אידען אין ירושלים, ווען איהר גלויבט ניט אין מיר וועט איהר פערלוירען געהן אין אייערע זינד. דער וואס גלויבט יא אין ישוע המשיח האט דרך ארץ פאר זיך ווי פאר אנדערע. ער רעספעקטירט יע־נעמס געפיהלען אזוי ווי זיין אייגענע.

ישוע המשיח האט דאס אונז געוויזען אלס א ביישפיעל און זאגט אונז אז אויך אזוי צו טה׳ן. אבער צו קומען צו דיעזער מדרגה מוז מען אויף׳ס ניי געבוירען ווערען. א ניי הערץ באקומען דורך דער אמונה בישוע המשיח. (יוחנן ג)

## גרויסע אידען

דאס בילד שטעלט פאר דעם גרויסען איד - "בישאף" שמואל יוסף שערעשעפסקי פון רוסלאנד.

בישאף שערעשעפסקי איז געוועזן א הויך־גע־בילדעטער יונגערמאן. ער האט ליעב געהאט אלעס צו לעזען און פון אלעס א ידיעה צו האבען. שוין אין זיין יוגענד האט ער פון א קריסטליכען פריינד באקומען א "ברית חדשה" וועלכעס ער האט מיט גרוים ערענסט געלעזען און עס אויך שטארק צום הארצען גענומען ווייל ער האט דרין דערזעהן די אמת׳ע גאולה פאר אלע מענשען, בפרט פאר ישראל. יא ער האט ממש געטאנצט פאר שמחה קענען צו לערנען דעם קדוש ישראל ישוע המשיח וועלכער איז דער גואל ישראל דער משיח אלהי יעקב. נאך א גענויעם שטודיאום אין נייעם ווי אויך אין אלטען טעסטאמענט האט ער דיעזע גאט־געבענשטע אמונה אנגענומען און האט אויך אן ענטשלוס געפאסט די גאולת המשיח ווייט און בריים צו פערקינדיגען אזוי ווי ישוע המשיח האט באפוילען אין מתתיהו כ"ח: "לכו אל כל העמים לעשותם לי לתלמידים..."

דער יונגער שמואל יצחק יוסף וואס איז שפעטער באטיטעלט געווארען מיט דעם הויכען טיטל "בישאף", איז אריבער געקומען קיין אמע־ריקא און דא אסאך שטודירט און ווען ער איז שוין פערטיג געווארען לעבודת הבורא יתברך בישוע המשיח, האבען איהם די אמעריקאנער גוטע קרים־טען געשיקט נאך טשיינא, וואו ער האט ערפאהרען אז די כינעזער האבען ניט דאס תנ"ך איבערזעצט אין זייער שפראך. (מאנדארין) דא האט זיך אונ־זער גרויסער איד אונטערנומען די שווערע ארבייט צו טהון אזוי ווי מיר זעהען איהם דא אויף׳ן בילד זיצען ביים טייפרייטער איבערזעצענדיג דאס תנ"ך אין דער מאנדארין לשון און צוויי געבילדעטע כינעזער מיט איהם.

פון יענער שווערער ארבייט אויף׳ן טייפריי־טער פאר איינינע יאהר צייט, זיינען זיינע פינגער פאראליזירט געווארען. נור די מיטעלסטע פינגער פון בידע הענד זיינען געבליבען געזונד, און מיט די צוויי פינגער האט ער פארפערטיגט די שווערע ארבייט בעפאר ער איז געשטארבען אין יאהר 1906, אן 80 יעהריגער זקן.

די מאנדארין שפראך אין וועלכער ער האט איבערזעצט דאס תנ"כ ווערט איצט געערדט פון 250 מיליאן כינעזער וועלכע קענען איצט לערנען און פארשטעהן דיא תורה. און מיר קענען אויך זעהען דעם פועל יוצא דערפון: מיר קענען געפינען אסאך כינעזישע קהלות וואס גלויבען ניט מעהר אין קאנפוציאוס נייערט אין בורא עולם דורך ישוע המשיח וועלכער איז געקומען "לתקן עולם במלכות שדי", דאס וואס אידען בעטען יעדען טאג ביים דאווענענען: "יכירו וידעו כל יושבי תבל... ויקבלו כלם את עול מלכותך". אידען קומען אבער אב נור מיט׳ן דאווענען און זאגענדיג דאס נור מיט די ליפען, און די מיסיאנערען טהוען די ארבייט בפועל ממש.

אזוי ארומעט ברינגעז די מיסיאנערען גרוים כבוד אויף׳ן אידישען פאלק, איבעראל אין דער וועלט, אין ענגלאנד — אין אמעריקא און איבעראל ווי נור מעגליך.

אין ענגלאנד פלעגט מען צו יאגען און טרייבען דעם איד. אבער זייט הונדערט יאהר ווי די השגחה האט אהין געשיקט אידישע מיסיאנערען וועלכע האבען אנגעהויבען צו רעדען אין די קיר־כען און צו שרייבען אין די ענגלישע בלעטער, בע־וויזענדיג די ענגלישע קריסטען אז מ׳דארף ליעבען דעם איד ווייל ישוע המשיח האט געהייסען אז מ׳זאל ליעב האבען דעם איד, זייט דאמאלס האט מען אויפגעהערט צו האסען און צו טרייבען אידען פון ענגלאנד, מ׳האט דעם איד דיזראעלי געמאכט פאר פריים מיניסטער אין ענגלאנד, און אנדערען איד פאר וויצע קעניג פון אינדיען און א דריטען

(שלוס אויף׳ן לעצטען פיידזש)

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רעה ישראל

והקמותי עליהם רעה אחד יחזקאל לד, 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

50 CENTS A YEAR
SUBSCRIPTION PRICE

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JULY-AUGUST, 1925.
VOL. VI, No. 11.


## אידישע ארטאדאקסען קאקעטירען מיט די מאדערניסטען

עס איז יעדען בעקאנט דער אונטערשיעד צווישען ארטאדאקס און רעפארמירטען אידענטום. מיט איינינע 70 יאהר צוריק האט זיך געפארמירט א פירוד אין אידענטום. די רעפארמירטע אידען האט זיך פערגלוסט נאכצוטהון די קריסטען, צו האבען אן ארגל אין דער שוהל מיט א קאהר. צו מאכען אן אפעראציע אויפ'ן סידור'ל און ארויסווארפען העלפט דערפון. מ'דארף דארט לחלוטין ניט דאכטען פון דער "תקות ישראל" אין דעם משיח. זיי האבען ביסלעכווייס פראגרעסירט אין דער פילאזאפיע פון שפינאזא ביז זיי האבען פיעלע זאכען פון תורת משה והנביאים פארווארפען אלס ניט אמת. דערפאר האבען זיך אן אנדערע קלאס אידען, פון זיי לגמרי אבגעזונדערט און האבען זיך א נאמען געגעבען "ארטאדאקסען", ד"ה, אז זיי גלויבען יא אין תורת משה והנביאים אזוי ווי זיי באקענען טעגליך אין רמב"ם'ס גלויבען'ס באקענטנים: "אני מאמין באמונה שלמה שכל דברי התורה והנביאים אמת".

די ארטאדקסישע אידען אין אמעריקא מאכען אבער א גרויסען טעות מיט דעם וואס זיי האבען פאלשע שטעל־פארטרעטערס זיי צו רעפרעזענטירען זיי רופען זיך כלומרש "די פיהרער פון ארטאדאקסי", זיי פובליצירען אין ניו יארק א טעגליכע ארטאדאקסישע צייטונג אין וועלכען זיי באריהמען זיך שטענדיג אז זיי זיינען ארטאדאקסען.

מיט א חודש צוריק איז דאס פרומע אידישע צייטונג בלאט ארויס געקומען מיט א לאנגען ארטיקעל, אז בכן, די וויסענשאפטליכע ענטוויקלונגס געשיכטע, (דארווינס עוואלושאן טהעארי) זאל ניט געשטערט ווערען צו לערנען מיט די קינדער אין די סקולס. דאס איז געוועזען בשעת עס האט זיך געיאוועט א גרויסער אויפרודער אין גאנץ אמעריקא וועגען דעם פראצעס אין מעמפיס, טענעסי, וואו א לעהרער איז אנגעקלאגט געווארען פאר פארלעצען דעם אנטי עוואלוציע געזעץ פון טענעסי.

דער אויבען דערמאנטער סטייט האט אנגענומען א געזעץ וועלכעס פארבאט צו לערנען מיט די קינדער אין יענע פובליק סקולס דארווינס עוואלוציע, און דער לעהרער "סקאופעס" האט דיעזען געזעץ געבראכען און ער האט מיט די קינדער יא געלערענט יענע טהעאריע. און ווי עס האט זיך אזוי געקאכט דערמיט אין גאנץ אמעריקא, איז געקומען דאס פרומע ארטאדאקסישע צייטונגס בלאט פון ניו יארק און האט אויך אריינגעשטעקט זיין קאך־לעפעל אין דעם זודיגען קעסל. ער האט אנגערופען דעם פראצעס, א כאאס און פינסטערניס. ער האט געבענשט דעם פערנאנטען שטאאטסמאן מר' ברייען מיט דעם נאמען "פינסטערלינג", ווייל מר' ברייען האט ארום גערייזט איבער גאנץ אמעריקא און געלעקטשורט, בעווייזענדיג אז קריסטען וואס גלויבען אין תורת משה דארפען ניט צולאזען די לעהרע פון דארווין וועלכע איז לגמרי געגען גאט'ס תורה. דארט אין דעם הייליגען בוך זאגט אונז גאט ב"ה אז ער האט בעשאפען דעם מענש בצלמו וכדמותו.

יאוועט זיך אבער עפעס א זעלבסט־געקרוינטער שטעלפארטרעטער פון ארטאקסישען אידענטום און מאכט פון דעם גרויסען שטאאטסמאן און נאבעלען קריסט, בלאטע, און ער באמקעט אויך צו, אז מ'דארף לערנען מיט די קינדער דארווינס עוואלוציע טהעאריע, און דאס בעסער גלויבען אלס גאט'ס ווארט. ד"ה, אז דער רעפרעזענטאטיוו פון דעם ארטאדאקסישען אידענטום גיט א הארציגען שלום עליכם צו דארווין און איז במילא געגען תורת משה. איז דאס ניט א טראגי קאמישע פאסירונג אין אמעריקאנער ארטאדאקסישען אידענטום?

מ'שטיינס געזאגט, וואס קען דען אזא אידענטום גאר פראדוצירען? וואס פאר א נוצען זיינען דען די ישיבות פון די מלמדי תנוקות און פון אלע הדרים און תלמוד תורות ווען אלע תלמידים און תלמידות וועלען אנגעשטעקט ווערען מיט דעם גיפטיגען סם המות וואס אזעלכע פיהרערס פערזורכען אין זיי איינצופלאנצען. און פרעגט שוין גאר ניט. די גאטלאזיגקייט האט שוין אנגעהויבען אויפצושפראצען צווישען דער אידישער יוגענד.

אין זעלבען אידישען בלאט האט איין לעזער געשריבען א בריעף צום רעדאקטאר, פון וועלכען דער פאלגענדער אויסצוג איז ווי פאלגט:

"איך קען ניט פארשטיין פארוואס איהר שרייבט קיינמאל ניט אין אייער בלאט וועגען דער גרויסער געפאהר וועלכע דראהעט דאס אידישע פאלק. איך מיין דערמיט דעם שטארקען אומגלויבען אין גאט וואס עקזיסטירט צווישען דער אידישער יוגענד. וואס קומט זיך נאר ארויס פון דעם געלד און מיה וואס ווערט אנגעווענדעט ביי די ציוניסטען אום אויפצובויען דאס הייליגע לאנד, ווען מען באזעצט דאס הייליגע לאנד מיט א כאב פון אומגלויביגע אידען וואס זיינען ערגער פון פשוט'ע היידען, ווייל אפילו אן איינפאכער געצענדיענער וואלט אויך באדארפט וואהרנעמען אז ס'איז פאראן א סופרעמעס וועזען וועלכער האט די וועלט באשאפן".

דאס איז נור איין טרויריגעס ביישפיעל צווישען פיעלע אנדערע צו צייגען וואס פאר אן אומקרויט און דערנער די דארוויניסטישע זריעה ברינגט!

און וואס הערט זיך עפעס מכח די פיעלע אידישע רוצחים אין דער אידישער גאס? עס פרעגט זיך איצטער, וויאזוי קען זיך גאר א פיהרער פון ארטאדאקסישען אידענטום ערלויבען אז דורך זיינע ווערטער זאל די דארוויניסטישע בויך־סברה, נאך מעהר כח קריגען און צו דערזעלבער צייט ווארפען שמוץ אויף אונזער הייליגער תורה והנביאים? הייסט דאס ביי זיי ארטאדאקסי?

אט זעהט דעם מר' ברייען, דאכציך קיין איד, קיין ציצה־בייסער און קיין קדוש שפרינגער, ער נעמט זיך יא אן פאר דעם אמת וואס איז באגרינדעט אויף דער אידישער תורה. ער קעמפפט מיט זיין גאנצען איינפלוס, ענערגיע און כח געגען דער גיפטיגער שלאנג פון דארווינס טהעאריע און ער הויבט אויף די אידישע תורה עד שמי רום וככביהם ער לעגט ארויף די טהייערסטע קרוין וואס הייסט "אמת" אויף דער הייליגער תורה. און פארגעסט ניט ליעבער לעזער, דאס טהוט איינער פון גוי'שען שטאם וואס איז א מאמין אין אידישען משיח, און אויף דער אנדערער זייט שטעהען א גרופע אידען וועלכע אגיטירען פאר כשרות מקואות ישיבות תלמוד תורות און נאך אזאלכע זיבען גליקען און ווילען מיט איין שטריך אריין ווארפען דעם גאנצען אידישען יסוד אין דער אדמה אריין. קענט איהר דאס פארשטעהן?

יא אויף אזאלכע חברה האט גאט אויסגערופען דורך'ן נביא: הוי האמרים לרע טוב ולטוב רע שמים חשך לאור ואור לחשך שמים מר למתוק ומתוק למר". (ישעיה ו')

אט טאקע דערפאר נעמען מיר זיך דאס רעכט אויפצושטעהן און ווארנען אונזער אומה געגען דעם צרעת ממארת וואס מאנכע ווילען אריין פיהרען אין אידישען לאגער בעפאר עס איז נאך צו שפעט.

Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. Under the Act of March 3, 1897